# גענעראַל מאַכמוד סולימאַן, נאָענטער ראַטגעבער פון סירישן פּרעזידענט אַסאַד, דערמאָרדעט אין סיריע

## גענעראַל מאַכמוד סולימאַן, פאַרבינדונגס-מאַן צווישן סיריע און "כיזבאַלאַ", איז דערשאָסן געוואָרן פרייטיק, לויט באַריכטן אין אַראַבישע צייטונגען און אויפן אינטערנעט.

• פון **מענדל אַדלער**

גענעראַל מאַכמוד סולימאַן, וועלכער האָט געדינט אַלס פאַרבינדונגס־מאַן צווישן דער סירישער רעגירונג און די טעראָריסטישע „כיזבאַלאַ" אָרגאַניזאַציע אין לבנון, איז פרייטיק דערשאָסן געוואָרן צום טויט אין דער סירישער פּאָרט־שטאָט טאַרטוס.

דער באַריכט וועגן דעם אַטענטאַט איז דערשינען אויף אַן אַראַבישן אינטערנעט־"סייט", וועלכער שרייבט, אַז סולימאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן פרייטיק, אויגוסט 1. די סירישע מאַכט האָט געזוכט צו פאַרהוילן דעם מאָרד, און די אָפיציעלע פּרעסע־אָרגאַנען אין לאַנד האָבן נישט באַריכטעט וועגן דעם מאָרד, אויף דער דירעקטער פאַראָרדענונג פון דער סירישער מאַכט.

„די פרייע סיריע", אַן אינטערנעט־סייט פון דער סירישער אָפּאָזיציע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ געוועזענעם וויצע־פּרעזידענט פון סיריע, האָט ברייט באַריכטעט וועגן דעם אַטענטאַט אויף מאַכמוד סולימאַן. „די פרייע סיריע" שרייבט, אַז סולימאַן איז געווען די „רעכטע האַנט" פון פּרעזידענט אַסאַד אין מיליטערישע ענינים, און איז אויך געווען פּאָליטיש אַקטיוו אין דער הערשנדער „באַאַט"־פּאַרטיי אין דמשק. ער איז אויך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער סירישער פּאָליטיק פון לבנון.

אָפיציעל האָט גענעראַל סולימאַן געטראָגן דעם טיטל פון „נאַציאָנאַלער זיכערקייטס־ראַטגעבער" פון סירישן פּרעזידענט, באַשיר אַסאַד, אָבער מערב'דיקע שפּיאָנאַזש־קוואַלן האָבן זונטיק געזאָגט, אַז ער האָט פאַקטיש געהאַט די אויפזיכט איבער דעם נוקלעאַרן פּראָגראַם פון סיריע, און אַז זיין אומקום האָט אַריינגעבראַכט די סירישע רעגירונג אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט.

קיינער האָט דערוויייל נישט גענומען קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אַטענטאַט אויף גענעראַל סולימאַן. אַראַבישע פּרעסע־באַריכטן טייטלען מיטן פינגער אויף ישראל, גענוי ווי אין פעברואַר, ווען אימאַד מוראַניע, וויצע־קאָמאַנדיר פון „כיזבאַלאַ" אין לבנון, וועלכער איז אומגעקומען פון אַ באָמבע אויפרייס אין אַ שטאָט נעבן דמשק. אַנדערע „פאַרדעכטיקטע" אינעם מאָרד זיינען אויך איראַן, „כיזבאַלאַ", אָדער גאָר געוויסע קרייזן אין סיריע זעלבסט, וואָס האָבן מעגלעך געהאַט אַן אינטערעס אין „אָפּ'פּטר'ן" גענעראַל סולימאַן.

# די בלוטיקע מלחמה צווישן רוסלאַנד און גרוזיע

פאָרזעצונג פון דער ערשטער זייט

געוועזענער פּרעזידענט) וולאַדימיר פוטין אין שפּיץ, — אַן אויסרייד אויף וועלכן זיי וואַרטן שוין אַ לענגערע צייט, אַריינצושיקן זייערע טרופּן אין גרוזיע.

די סיבות וואָס האָבן געפירט צו דער איצטיקער אויפפלאַקערונג פון די שלאַכטן אין גרוזיע, וואָס האָבן שוין געפירט צום מאָרד פון טויזנטער ציווילע בירגער און צום פולשטענדיקן חורבן פון שטעט און דערפער, האָבן זיך אַנטוויקלט אויפן פּאָליטישן פראָנט אין די לעצטע יאָרן.

מיכאַיל סאַקאַשווילי, וועלכער איז געקומען צו דער מאַכט אַלס פּרעזידענט אין 2003, איז באַקאַנט ווי אַן אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע און פון דער מערב־וועלט, וועלכער האַלט־אָן נאָענטע פאַרבינדונגען מיט אַמעריקע, און צילט דערויף, אַז גרוזיע זאָל אַריינגענומען ווערן אין „נאַטאָ", דער „נאָרט־אַטלאַנטישער זיכערקייטס־פּאַקט".

פוטין האָט אָבער באַשלאָסן צו פאַרמיידן פאַר יעדן פּרייז גרוזיע'ס אָנשליסן זיך אין „נאַטאָ", וויבאַלד גרוזיע געפינט זיך ממש „אין הינטערשטן הויף" פון רוסלאַנד. פוטין וויל שטערן דאָס אַריינעמען גרוזיע אין „נאַטאָ" דורך דעם וואָס די שטאַביליטעט אינעם גאַנצן ראַיאָן וועט זיך וואַקלען, מיט דער הילף פון די „סעפּאַראַטיסטן" אין דרום־אָסטיע און אַבכאַזיע, וואָס ווילן זיך אָפּטיילן פון גרוזיע.

אין דער זעלבער צייט, איז סאַקאַשווילי פאַראינטערעסירט „אונטערצוהאַקן די פּיס" פאַר די צוויי דערמאָנטע רעפּובליקן וואָס צילן צו אויטאָנאָמיע פון גרוזיע, און ער וויל פאַראייניקן דאָס גאַנצע לאַנד אין איין טעריטאָריע, אַזוי אַז עס זאָל זיך קענען אָנשליסן אין „נאַטאָ" אַלס איין פאַראייניקטער כוח.

די רוסן האָבן נאָך נישט אַראָפּגעשלונגען זייער דורכפאַל אין קאָסאָוואָ, וואו די מערב־וועלט האָט געשאָנקען די סערביער סעפּאַראַטיסטן אין קאָסאָוואָ פולשטענדיקע אָנערקענונג, פאַרהוילנדיק זיך פון די אינטערעסן פון סערביע, וואָס ווערט געשטיצט פון רוסלאַנד. איצט געפינט זיך די מערב־וועלט אין אַ דילעמע, און די לאַגע איז קאָמפּליצירט. נאָך דעם ווי די דעמאָקראַטישע לענדער האָבן געשטיצט די קאָסאָווער פאַרלאַנגען פאַר זעלבסטשטענדיקייט אויפן חשבון פון סערביע, וועט די מערב־וועלט איצט זיך נישט קענען פאַרהוילן פון ענלעכע אַספּיראַציעס פון דרום־אָסטיע און אַבכאַזיע, וועלכע צילן צו גרינדן אַן אויטאָנאָמישן ראַיאָן אויפן חשבון פון גרוזיע.

לויט ווי עס זאָגן זאַכקענער אין דער „יו־ען"־צענטראַלע אין ניו־יאָרק, האָבן די ענדערונגען אינעם רעזשים אין מאָסקווע, אַ באַדייטנדן איינפלוס אויפן אויסברוך פון דער מלחמה אין גרוזיע. די פראַגע איז, צי וולאַדימיר פוטין, אַלס פּרעמיער, איז נאָך אַלץ דער אמת'ער באַלעבאָס אין מאָסקווע, און ער שטייט הינטער דער מיליטערישער אַריינמישונג פון רוסלאַנד אין גרוזיע, אָדער צי דער פּרעזידענט, דמיטרי מעדוועדעוו, האָט געוואָלט באַווייזן אַז ער איז דער „אמת'ער באַלעבאָס" אין מאָסקווע, און ער נוצט־אויס די קאַמפּן אין גרוזיע צו באַפעסטיקן זיין אייגענע אינערלעכע פּאָזיציע אין לאַנד.

זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז ביידע קריזיסן וואָס ברעכן היינט אויס אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, דאַרף מען נעמען אין חשבון דעם פאַקט, אַז די איצטיקע בוש־אַדמיניסטראַציע אין וואַשינגטאָן האַלט ביים פאַרענדיקן איר טערמין שטייענדיק ביים רודער פון אַמעריקע און פון דער מערב־וועלט בכלל, און די וועלט וואַרט מיט נייגער צו זען ווי אַזוי דער קומענדער פּרעזידענט פון אַמעריקע וועט רעאַגירן אויף די פאַרשידענע וועלט־געשעענישן. ווי עס ווייזט אויס, ווייסט רוסלאַנד איצט זייער גוט, אַז דער אַרויסגייענדער פּרעזידענט דזשאָרדזש דאָבעליו בוש, וועט האָבן שוועריקייטן זיך אָנצונעמען איצט און אַריינמישן אויף אַ באַדייטנדן אופן לטובת זיין פאַרבינדעטן, דעם פּרעזידענט פון גרוזיע, מיכאַאיל סאַקאַשווילי.

דאַקעגן, דער פּרעזידענט פון גרוזיע זעלבסט איז באַזאָרגט, אַז דער קומענדער פּרעזידענט אין וואַשינגטאָן וועט נישט זיין צו אים אַזוי פריינטלעך ווי פּרעזידענט בוש, און דעריבער האָט ער געוואָלט צואיילן זיינע באַמיאונגען צו פאַרכאַפּן דעם ראַיאָן פון דרום־אָסטיע.

דינסטיק, האָט דער רוסישער פּרעזידענט געמאָלדן אַז די מלחמה קעגן גרוזיע האָט זיך געענדיקט. „דער אגרעסאָר איז באַשטראָפט געוואָרן", האָט רוסלאַנד דערקלערט. רוסלאַנד טענהט דאָך אַז די מלחמה איז געווען אַ רעאַקציע צו דעם וואָס לעצטן דאָנערשטיק האָט גרוזיע דורכגעפירט אַ מיליטערישע אָפּעראַציע אין דרום־אָסטיע, און דעריבער האָט רוסלאַנד דערקלערט מלחמה לעצטן פרייטיק.

גרוזיע טענהט אָבער אַז די אָפּעראַציע איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דעם וואָס די סעפּאַראַטיסטן האָבן מיט די אינספּיראַציע פון רוסלאַנד געשאָסן אַרטילערי פייער און געהרגעט צען מענטשן לעצטן דאָנערשטיק.

איצט וואַרט די וועלט מיט נערוועזער שפּאַנונג צו זען ווי די לאַגע אין גרוזיע וועט זיך אויסלאָזן.

# רחל מרגלית

פאָרזעצונג פון זייט ניין

דאָס איז פאַקטיש געווען איר „צווייטע באַגעגעניש" מיט אַ אידישן מוזיי אין ווילנע. באַלד נאָך דער מלחמה, האָט די געהאָלפן אברהם סוצקעווער און שמערקע קאַטשערגינסקי ביים אויפשטעלן אַ אידישן מוזיי וואָס האָט קיין אריכת ימים ניט געהאַט, די סאָוועטן האָבן עס ניט דערלאָזן. אָבער יענע יאָרן האָט רחל מרגלית געהערט וועגן אַ סענסאַציאָנעלן טאָגבוך, געשריבן פון אַ פּאָלאַק, וואָס האָט „צופעליק געלעבט אין פּאָנאַר", לעבן די מאַסן=קברים וואו עס זיינען דערשאָסן געוואָרן מער ווי זעכציק טויזנט אידן. דער פּאָלאַק האָט די בלעטלעך פון זיין טאָגבוך באַהאַלטן אין פלעשעלעך, די פלעשעלעך — באַגראָבן אין דער ערד... און דערנאָך האָבן די דייטשן אים אַליין אויך דערשאָסן.

אַז ס'האָט זיך אויפגעלעבט די נייע פרייע ליטע אין די ניינציקער יאָרן, האָט רחל מרגלית גענומען נישטערן אין די אַרכיוון לאַנגע טעג, זוכנדיק: דעם טאָגבוך פון יענעם ניט=אידישן עדות, דעם פּאָלאַק, וועלכער האָט מיט די אייגענע אויגן דערזען וואָס איז געוואָרן פון די ווילנער אידן.

זיין נאָמען איז געווען: קאַזימעזש סאַקאָוויטש. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1894 אין ווילנע, שטודירט יוריספּרודענץ און געוואָרן אַ זשורנאַליסט און געלעבט אין צענטער שטאָט. אין 1939 האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין אַ שטיבעלע אויף דער שיינער פרישער לופט פון — פּאָנאַר. „גיי וויס"...

דעם 11טן יולי 1941, אַז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן=שיסערייען, האָט ער גוט פאַרשטאַנען די היסטאָרישע באַדייטונג. ער האָט געפונען אַן אָרט אויף זיין בוידעם וואו ער האָט געקענט גוט זען וואָס טוט זיך, און ער האָט גענומען: שרייבן... שרייבן אויף וואָס פאַראַ פּאַפּירלעך ער האָט געקענט דאָרטן געפינען. סאַקאָוויטשן האָבן די דייטשן אומגעבראַכט דעם פינפטן יולי 1944 (גראַדע דעם זעלבן טאָג ווען עס זיינען אומגעקומען רחל מרגליתס טאַטע=מאַמע און איר ברידערל).

רחל מרגלית איז יאָרן לאַנג אָפּגעזעסן אין אַרכיוו, פאָרזיכטיק אויפגעשריבן דעם פּוילישן טעקסט פון יעדן שטיקעלע פאַרגעלטע פּאַפּיר וואָס מ'האָט פון די באַגראָבענע פלעשעלעך אָפּגעראַטעוועט, אַן אות פאַר אַן אות, און צוזאַמענגעשטעלט אין אַ בוך, וואָס איז אַרויס מיט עטלעכע יאָר צוריק אויף פויליש. אין 2005 איז אַרויס אַן ענגלישע איבערזעצונג.

פון סאַקאָווישעס טאָגבוך ווערט זייער קלאָר ווי אַזוי די דייטשן האָבן געפּראָוווט באַהאַלטן פון דער געשיכטע דאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן.

פון סאַקאָווישעס טאָגבוך ווערט אָבער נאָכוואָס קלאָר: אַז די עצם ש י ס ע ר אויף פּאָנאַר זיינען דאָס געווען ל י ט ו ו י נ ע ר, ענטוזיאַסטישע מערדער. אמת, עס זיינען געווען אויך פריער זייער אַ סך ידיעות דערוועגן, נאָר דאָ איז חל דער „ואינו דומה שמיעה לראיה". אָט איז אַן עד=ראיה, אַ ניט=איד אַ זשורנאַליסט, וואָס האָט אַלצדינג אַלע טאָג פאַרצייכנט דאָס וואָס ער האָט פון זיין בוידעם געזען, ווי שיסער שיסן אויס אין משך פון עטלעכע יאָר צענדליקער און צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אַ פאָלק, נאָר און בלויז ווייל זיי געהערן יענעם פאָלק — ער איז דער עדות פונעם גענאָציד פון די ווילנער אידן.

פּאַראַן ביי אונדז אין ווילנע אַזאַ מין יש=אומרים וואָס מוז דערווייילע בלייבן אונטערן קאַפּל „צריך עיון": ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, ווייל די ליטווינער אינטעליגענץ (מיט ווינציקע אָבער וויכטיקע אויסנאַמען) ניט זאָגן דעם אמת וועגן דעם חורבן. אין דעם גרויסן „גענאָציד מוזעאום" אין צענטער שטאָט וועט מען אַלצדינג טרעפן אַ ח ו ץ דעם איינציקן אמתן גענאָציד אין דער געשיכטע פונעם לאַנד.

פאַר דער מאַכט אין ליטע איז דער גרעסטער קלאַפּ געווען די אַרויסגעבונג פון סאַקאָוויטשעס טאָגבוך, פריער אויף פויליש און דערנאָך אויף ענגליש. ניט איין קאָלעגע האָט מיר גענומען אָן אַ זייט, און געפּרואווט שטילערהייט איבערצייגן, אַז סאַקאָוויטש האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט, אַז דער גאַנצער טאָגבוך, די פאַרגעלטע פּאַפּירלעך און די פלעשעלעך, אַז דאָס איז אַלצדינג אַ פעלשונג, אַן אויסטראַכטעניש, פון די רוסן, פון די אידן, פון „קאַ גע בע", פון וואָס נאָר אין דער קאָרט, ווייל ס'לייגט זיך ניט אויפן שכל אַז ליטווינער האָבן אויסגעמאָרדעט מער ווי זעכציק טויזנט אידן אויף פּאָנאַר.

נאָר עס גייט ניט. די גאַנצע וועלט פאַרשטייט וואָס פאַר אַן אומגעהייער וויכטיקער אויסגעפינס דאָס איז. וואָס דאַרף מען נאָך, אַז די ענגלישע אויפלאַגע פון קאַזימעזש סאַקאָוויטשעס טאָגבוך איז אַרויסגעגעבן פונעם פּרעסטיזשפולן פאַרלאַג פון יעיל אוניוורסיטעט אין אַמעריקע. מיט רחל מרגליתס אַן הקדמה און רעדאַגירט פון ד"ר יצחק ארד (אויך אַ געוועזענער פּאַרטיזאַנער וואָס די ליטווינער פּראָקוראָרן „זוכן" וד"ל).

איז מען זיך משער (און דאָס בלייבט, אַזוי דאַרף מען ווייטער אונטערשטרייכן בכל לשון של אזהרה: אַ בלויזע השערה), אַז ע מ ע צ ע ר דאָרטן הויך אין דער מאַכט האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף באַשטראָפן, דעסקרעדיטירן, אַראָפּרייסן, שאַפן אומאָנגענעמלעכקייטן דער פרוי וועמענס יאָרן טירחא האָבן עס אויפגעטאָן, אַז דער טאָגבוך וואָס זאָגט דעם אמת וועגן פּאָנאַר זאָל מען אָפּראַטעווען פאַר דער אייביקייט, צוזאַמענשטעלן און אַרויסגעבן.

די פרוי הייסט רחל מרגלית, די מיטגרינדערין פון אידישן מוזיי אין ליטע.

נאָכדעם ווי ס'איז אַרויס פון דרוק אויף רוסיש, אין 2006, איר אייגענער מעמואַר פון די חורבן יאָרן, האָט מען גענומען עס אויסנוצן בכדי צו באַשולדיקן אידישע פּאַרטיזאַנער און איר גופא, רחל מרגליתן, צו אירע זעקס=און=אַכציק יאָר, צו מוטשען מיט „אויספאָרשונגען" וועגן אירע יאָרן אין וואַלד, ניט אָנגעבנדיק קיין שום ספּעציפישע קלאַגע אָדער טענה (ווייל ס'איז ניטאָ!).

איר צו שאַפן עגמת נפש, און נאָכמער, גורם זיין, זי זאָל מער ניט קענען קומען אַלע זומער אין ווילנע דערציילן דעם אמת וועגן חורבן ליטאַ. פאַרקריפּלען וואָסאַמאָל מער די מעגלעכקייט געוואָר ווערן דעם היסטאָרישן אמת.

דערפאַר זיצט זי איצטער אין איר שטיבעלע אין רחובות, איינע אַליין, און טרוימט וועגן איר באַליבטער ווילנע.

זאָלן געשטראָפט ווערן די הענט פון די אַנטיסעמיטישע רשעים וואָס האָבן קעגן איר די מיאוסע שטיק אויסגעקלערט.

זאָלן מיר זוכה זיין איר מקבל פנים זיין אין ווילנע וואָס פריער מיט אַ קבלת פנים כיד המלכה.

און אחרון אחרון, זאָל אונדזער טייערע ליאַלקע — ד"ר רחל מרגלית — האָבן לאַנגע געזונטע און שעפערישע יאָר, עד מאה ועשרים שנה.



Lietuvos Respublikos Ministras Pirmininkas

SVEIKINIMAS

Gerb. MARGULIS RACHEL,

Lietuvos Respublikos Vyriausybės vardu sveikinu Jus su Antrojo pasaulinio karo pabaigos 60-mečiu.

Jūs realiais veiksmais prisidėjote, kad būtų sustabdyti nusikalstami žmonijos priešo – nacizmo planai.

Jūsų žygdarbis buvo atliktas ir Lietuvos žemėje. Todėl mūsų žmonės atgavę nepriklausomybę ir įsilieję į Europos tautų šeimą dėkoja Jums už mūsų krašto ir viso žemyno apgynimą nuo hitlerinio fašizmo. Jūsų gyvenimas jau tapo istorijos dalimi.

Linkiu Jums sveikatos ir laimės.

ALGIRDAS BRAZAUSKAS

Vilnius, 2005 m. gegužės 8 d.

**מיט דריי יאָר צוריק, אין 2005, האָט דער דעמאָלטיקער פּרעמיער=מיניסטער פון ליטע אַלגירדאַס בראַזאַוסקאַס, צוגעטיילט רחל מרגליתן אָטאָ דעם ע ר ן = צ ע ר ט י פ י ק אַ ט. דער ליטווישער טעקסט, איבערגעזעצט אויף אידיש:**

**„אין נאָמען פון דער רעגירונג פון דער ליטווישער רעפּובליק, גראַטוליר איך אייך צום זעכציקסטן יאָרטאָג פון סוף פון דער צווייטער וועלט מלחמה. איר האָט אויף אַ ממשותדיקן אופן מיטגעהאָלפן צום ציל אָפּצושטעלן די פאַרברעכערישע פּלענער פונעם נאַציזם – דער שונא פון דער מענטשהייט. אייער העראָאישער אויפטו איז דערגרייכט געוואָרן אויך דאָ אין ליטע. צוליב דעם וויל אונדזער פאָלק, וואָס האָט צוריקבאַקומען זיין אומאָפּהענגיקייט און איז אַריין אין דער משפּחה פון אייראָפּעאישע פעלקער, אייך באַדאַנקען פאַרן פאַרטיידיקן אונדזער לאַנד און דעם גאַנצן קאָנטינענט בכלל, אַקעגן היטלערס פאַשיזם. אייער לעבן איז אַריין אין דער געשיכטע. איך ווינטש אייך געזונט און פרייד, אַלגירדאַס בראַזאַוסקאַס. דעם אַכטן מאַי 2005."**

**קאַפּויער אַ וועלט: די זעלביקע מעשים – דאָס קעמפן אין די וועלדער קעגן היטלעריזם – פאַר וועלכן דער גוטער פּרעזידענט בראַזאַוסקאַס האָט רחל מרגליתן צוגעטיילט אַן ערן=צערטיפיקאַט מיט דריי יאָר צוריק, זיינען עס היינט דער גרונט פאַרן רודפן איר מיט „יורידישע אויספאָרשונגען" זי זאָל מער ניט קענען קומען אין ליטע. אגב, ווען ער איז אין 1995 געווען פּרעזידענט פון ליטע, איז בראַזאַוסקאַס געפאָרן אין ארץ ישראל און עפנטלעך אין אַ רעדע אינעם כנסת, געבעטן ביים אידישן פאָלק מחילה פאַרן ליטווינערישן אָנטייל אין די היטלעריסטישע רציחות.**

**די וואונדערלעכע אויפטוען פון העלדישקייט פון רחל מרגלית אין די חורבן=יאָרן זיינען פאַרשטייט זיך די זעלביקע, נאָר וואָס? ס'איז דאָ – „ויקם מלך חדש"...**

**פּאַראַיאָרן: רחל מרגלית (רעכטס) כאַפּט אַ שמועס מיט פאַניע יאָכעלעס בראַנצאָווסקי ביים ווילנער אוניווערסיטעט בעת דער ווילנער זומער=פּראָגראַם פון אידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויגוסט 2007). רחל און פאַניע זיינען ביידע געווען אין ווילנער געטאָ; ביידע זיינען זיי, אין פאַרשיידענע צייטן, אַוועק אין וואַלד, קעמפן מיט די פּאַרטיזאַנער קעגן די דייטשן. רחל מרגלית איז איינע פון די מיטגרינדערינס פונעם „גרינעם הויז", וואָס איז דער איינציקער מוזיי אין ליטע וואו ס'ווערט געשילדערט דער היסטאָרישער אמת וועגן חורבן ליטאַ. סטודענטן און באַזוכער פון איבער דער וועלט האָבן אַרויסגעקוקט הערן דעם זומער אירע לעקציעס.**

**פּאַראַיאָרן: רחל מרגלית (אינמיטן) דערציילט וועגן דער שחיטה פון בערך הונדערט טויזנט מענטשן (די מערהייט פון זיי – אידן) אין פּאָנאַר, דער אָרט פון מאַסן=מאָרד פון די ווילנער אידן. דאָס איז געווען בעת אַן אַרויספאָר אויף פּאָנאַר פון די סטודענטן און לערער פון דער ווילנער זומער=פּראָגראַם פון אידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויגוסט 2007); אין 1994 האָט זיך רחל מרגלית אַריבערגעקליבן אין רחובות אין ישראל נאָר זי קערט זיך אום אַלע זומער אין ווילנע בכדי צו האַלטן דאָ לעקציעס און לערנען מיט נייע דורות סטודענטן און באַזוכער פון איבער גאָר דער וועלט וועגן דעם גרויזאַמען גורל פון די ווילנער אידן. צו לינקס שטייט טינאַ לונסאָן פון וואַשינגטאָן וואָס זעצט איבער און רעדט מיט אַ מיקראָפאָן. רחל מרגלית, מיט איר הילכיקן אייזערנעם קול, נייטיקט זיך ניט אין קיין מיקראָפאָנען...**



**אינעם אָוואַלן אויסשניט: רחל מרגלית אין 1935, אַלס שילערין אין פערטן קלאַס פון דער אָזשעשקאָ שול, אַ פויליש=שפּראַכיקע שול פאַר אידישע קינדער. אויפן בילד גופא זעט מען רחלען אין דער דריטער ריי (פון אונטן), די פינפטע פון לינקס.**

**ווי אַ לערערין פון ביאָלאָגיע אויפן ווילנער אוניווערסיטעט אין 1970.**

**רחל מרגליתס מעמואַר אויף רוסיש (דערשינען ביים אידישן מוזיי אין ווילנע, 2006), „אַ ביסל ליכט אין דער פינצטערניש", וואָס מען וויל היינט אויסנוצן קעגן איר און אַנדערע לעבן געבליבענע אידן פון דער שארית הפליטה.**

**רחל מרגלית האָט אַנטדעקט און אין משך פון יאָרן צוגעגרייט צום דרוק די [illegible] טאָגבוך פון קאַזימיעזש סאַקאָוויטש [illegible] האָט אַרויסגעגעבן אין 2005. אַ סברא אַז פאַרדערפאַר האָט „מען" באַשלאָסן נקמה נעמען אין רחל מרגליתן און אַנדערע פאָרשער, אַדאַנק וועמען דער אמת וועגן די שחיטות איז קלאָר געוואָרן פאַר דער וועלט.**